שנה ג'
נומער קי"ג
**פרשת תרומה**
תשפ"ב

# קרית ברסלב בלעטל



## מוהרא"ש זי"ע באזוכט אין ישיבה

10 יאר צוריק ב' תרומה תשע"ב

**דעם רבינ'ס נסיעה קיין ארץ ישראל:**
**דעם רבינ'ס באזוך ביים צדיק רבי אברהם קאליסקער זי"ע אין טבריה**

**מעשיות פון תפילה:**
**געטוישט דעם טיקעט גרינגערהייט**

**א בריוו פונעם ראש ישיבה שליט"א:**
**די בלעטל ווערט יעדע וואך שענער און שענער**



דער דיין שליט"א ביים געבן א שיעור הלכות טהרה אין שטעטל א' משפטים תשפ"ב

# קרית ברסלב


רעדאקציע
**אברהם הערש וועבערמאן**
**אברהם יצחק אייזנער**
**יחזקאל שרגא שארף**

**צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אפגעשיקט צו אייער טיר רופט:**

718.387.2691
subscribe@kerenhadfusa.org

**צו אדווערטייזן אדער אריינצושיקן א מעסעדזש צו די רעדאקציע בריוו אדער הגהות רופט:**

845.379.1161
breslevofficeliberty@gmail.com

**קול ברסלב:** 212.444.9191
**חיזוק פאר די אידיש שטוב:**
212.444.9169
BRESLEVCENTER.COM


# בריוו צו די רעדאקציע

## מעשיות פון תפילה אפטיילונג

נישטא קיין ווערטער צו באדאנקען פאר די הערליכע אויסגאבע וואס קומט ארויס יעדן איינציגן וואך, עס איז אנגעפילט מיט אלע עצות וואס דער ראש ישיבה חזר'ט מיט אונז כסדר.

איינס פון די שטארקע זאכן וואס מען טרעפט אינעם בלעטל און מען קען נישט טרעפן ערגעץ אנדערש, איז די אפטיילונג פון "מעשיות פון תפילה", דאס ברענגט ארויס גאר שטארק די זאך פון בעטן דעם אייבערשטן אויף לעובדא ולמעשה.

איך פערזענליך ווען איך באקום דעם בלעטל געב איך גלייך א קוק ביי די מעשיות פון תפילה, דאס איז מיר זייער אינטערסאנט צו זעהן, און עס העלפט גאר שטארק אין מיין פערזענליכע לעבן, עס ווייזט מיר דעם ווען אז אויף יעדן זאך נישט קיין חילוק וואס עס זאל נאר זיין, קען איך בעטן דעם אייבערשטן, און דער אייבערשטער העלפט.

איך וואלט געוואלט פרעגן אויב עס וואלט געווען שייך צו פארברייטערן די אפטיילונג פון מעשיות פון תפילה, און צולייגן נאך א עמוד פון מעשיות, איך האלט עס וואלט געווען א שטארקע תועלות פאר מיר און פאר אנדערע אידן.

הצלחה אין אייער ארבעט, דער אייבערשטער זאל אייך באצאלן מיט אלעם גוטס.

רעדאקציע: אדרבה, אז ס'וועט זיין גענוג מעשיות פון די חשובע ליינער'ס וועלן מיר צולייגן נאך א עמוד.

## זמנים Liberty

פרשת תרומה ד' אדר-א' תשפ"ב

הדלקת הנרות.......... 04:59
מוצאי שבת ............ 06:31
מנחה מעריב תרומה. 06:15

| | | |
|---|---|---|
| Fri 04 | 25°/1° | Wintry Mix |
| Sat 05 | 17°/-1° | Partly Cloudy |
| Sun 06 | 26°/12° | Partly Cloudy |
| Mon 07 | 32°/12° | Partly Cloudy |
| Tue 08 | 29°/14° | Partly Cloudy |
| Wed 09 | 30°/13° | Mostly Cloudy |
| Thu 10 | 31°/16° | Mostly Cloudy |
| Fri 11 | 33°/16° | AM Snow Showers |

## ברוכים הבאים!

מיט גרויס פרייד טוען מיר אויפנעמען א חשובע משפחה וואס האט זיך אהערגעצויגן אין שטעטל

**מו"ה אלי' פערל הי"ו**
**וזוגתו רייזל תחי'**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן מצליח זיין אין שטעטל, און זעהן אסאך נחת ביי אלע קינדער.

## ברוכים הבאים!

מיט גרויס פרייד טוען מיר אויפנעמען א חשובע משפחה וואס האט זיך אהערגעצויגן אין שטעטל

**מו"ה יצחק פעלדמאן הי"ו**
**וזוגתו רחל תחי'**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן מצליח זיין אין שטעטל, און זעהן אסאך נחת ביי אלע קינדער.

וויליאמסבורג

## צוויי פרישע אלבום'ס ווערט צוגעגרייט




עס איז אונז א פרייד צו לאזן וויסן פאר'ן חשוב'ן ציבור, אז די ארבעט אויף דער לאנג ערווארטעטער נייער אלבום אין דער סעריע פון "טאנץ מיט אמונה" גייט אן אין פולן שוואונג, און עס איז שוין בעזרת השם נענטער ווי ווייטער צום ערשיינונג פונעם הערליכן אלבום.

אזוי אויך ארבעט מען אין די טעג אויף א אלבום וואס וועט זיין מער גלייך צום אלבום "פון יעצט" וואס איז שוין ארויס געקומען כמעט 10 יאר צוריק, וואס האט שנעלע און שטאטע ניגונים, פון וואס מען הערט נאך צוריק ביז יעצט פון אידן וואס דער אלבום האט זיי מחזק געווען גאר שטארק די אמונה.

טראץ דעם וואס אין די פריערדיגע אלבום'ס זענען אויך אריינגעלייגט געווארן גרויסע כוחות, סיי אין די מוזיק, סיי אין די ניגונים, און סיי אין די אינהאלט, איז אבער ביי דעם אריינגעלייגט געווארן נאך פיל מער כוחות.

מען האט ברוך השם באוויזן צוזאם צושלעפן די בעסטע מוזיקאנטן אין די אידישע מארקעט פון אמעריקע און ארץ ישראל, עס וועט זינגען דערויף א הערליכער כאר, אזוי אויך ווערן צוגעגרייט הערליכע ניגונים אראפגעזינגען דורכ'ן ראש ישיבה שליט"א, ועל כולם גאר גאר רייכע תוכן פון ניגונים, וואס וועט אויפוועקן יעדן מענטש זיך צוריקצוקערן צום אייבערשטן, און וועט אריינבלאזן א חיות אין אידישע קינדער, און א ליבשאפט צום אייבערשטן און זיין תורה.

מען האפט אז איינס פון די צוויי סידיס זאל שוין זיין אינדרויסן אין די קומענדיגע וואכן אם ירצה השם.

ארץ ישראל

## נייעס אין היכל הקודש  בית שמש



אין שטאט בית שמש - ארץ ישראל געפונט זיך גאר א שיינע ווינקל פון משפחות, אינגעלייט און בחורים וואס זענען מקושר צום הייליג'ן רבי'ן, און פאלגן זיינע עצות וואס ער לערנט אונז.

אזוי ווי די שטאט בית שמש איז שוין היינט צוטאגס א גרויסער שטאט, און עס איז כמעט נישט מעגליך מען זאל זיך קענען צאמטרעפן יעדן שבת אלע אינאיינעם, האט מען צוליב דעם איינגעטיילט די חבורה אין צוויי, יעדע וואך קומט מען זיך צאם ביי שלש סעודות אין צוויי באזונדערע פלעצער, ווי מען איז זיך מחזק מיט די עצות וואס דער ראש ישיבה לערנט אונז, עס זיצן צוזאמען אידן פון אלע קרייזן, מען וואשט זיך צו שלש סעודות, מען זינגט צוזאמען זמירות, און דערנאך זינגט מען צוזאמען די אידישע ניגונים פון אמונה, שפעטער לערנט מען פאר עצות און התחזקות וואס מען לערנט אין היכל הקודש. פארלאפענעם שבת פרשת משפטים האט מען שוין אויך געדאווענט צוזאמען פרייטאג צונאכטס ביי איין חבורה אין שטוב פון ר' יצחק ראטה הי"ו

אינמיטן די וואך קומט מען זיך צאם יעדן דאנערשטאג ווי מען הערט אויס א שיעור פונעם ראש ישיבה, אזוי אויך קומט מען זיך צאם יעדן מאנטאג נאכט, וועו די אינגעלייט און בחורים פארציילן מעשיות פון תפילה און מעשיות פון הפצה וואס זיי האבן מיטגעלעבט.

מען זעהט וואו עס ווערט מקויים דאס וואס דער רבי האט פאראויסגעזאגט "מיין פייערל וועט שוין טליען ביז משיח'ס טאג", אלע ווילן הערן די עצות פונעם רבי'ן.

# שטעטל נייעס

## באזוך פונעם ראש ישיבה ד׳ משפטים



פארלאפענעם מיטוואך משפטים איז דער ראש ישיבה געקומען באזוכן די תלמוד תורה און סקול אין שטעטל. צום ערשט האט דער ראש ישיבה באזוכט די קינדער אין לאנטש רום בשעת די קינדער האבן געגעסן לאנטש, דער ראש ישיבה האט זיך אראפגעלאזט צו זיי און געשמועסט מיט זיי. אזוי אויך איז דער ראש ישיבה אדורך די אנדערע קלאסן און באגריסט די קינדער, ביי איינע פון די קלאסן אין סקול האבן די מיידלעך איבערגעגעבן וויפיל מאל זיי האבן שוין געענדיגט תהילים, און דער ראש ישיבה האט זיי געזאגט אז ער וועט זיי ברענגען תהילים'ס ביי די קומענדיגע געלעגנהייט.

דערנאך האט דער ראש ישיבה געגעבן גאר א שיינעם און וויכטיגן שמועס פאר די איינגעשטעלטע פונעם מוסד, איבער די גרויסקייט פון לערנען מיט קינדער און ארבעטן אין א מוסד וואס מען לייגט אריין אין די תלמידים און תלמידות די ריינע אמונה פון קינדוויז אן, דערנאך האט דער ראש ישיבה גאר שטארק ארום גערעדט פון די וויכטיגקייט פון ליב האבן יעדן קינד, וואס נאר אזוי קענען די קינדער מצליח זיין, און דאס איז אויך נוגע פאר עלטערן מיט קינדער, דער ראש ישיבה האט דערביי פארציילט אפאר מעשיות וואס מען זעהט פון דעם אז נאר ווען מען האט באמת ליב דעם קינד קען מען מצליח זיין. עס איז כדאי אויסצוהערן דעם גאנצן שיעור אויף קול ברסלב ביים אפטיילונג פון מלמדים שטיבל (212-444-9191).

דערנאך האט דער ראש ישיבה באזוכט אין סקול און גערעדט צו די תלמידות גאר וויכטיגע הדרכות וויאזוי מען קען זיין א בית פיגא תלמידה, דער ראש ישיבה האט גאר שטארק ארום גערעדט פון כיבוד אב ואם, למשל: "ווען דיין טאטע קומט אהיים נאך א טאג ארבעט גרייט אים אן א געשמאקע טרינק וואס ער האט ליב." אויך האט דער ראש ישיבה ארום גערעדט פון נישט לעבן פאר יענעם, נישט נאכמאכן א צווייטן, נאר קוקן וואס דער רצון פונעם אייבערשטן איז, און אזוי זיך פירן.

שפעטער האט דער ראש ישיבה געדאווענט מנחה ביי כיתה ט' און דערנאך פארפירט א שיינעם שמועס מיט די חשוב'ע קינדער.

פון דארט איז דער ראש ישיבה אריבער צום בית המדרש "אשר בנחל" אויף די דענמאן גאס, וואס ווערט אין די טעג איבערגעבויעט און צוגעענדיגט, דער ראש ישיבה האט איבערגעגעבן פארן גבאי ר' מרדכי היימליך הי"ו און פארן בויער ר' משה איינהארן הי"ו אייגענטומער פון KB Construction פונקטליך וויאזוי ער וויל דאס זאל ווערן איבערגעבויעט; זעהן נישט צו בויען דעם שול מיט שיינע עלעגאנטע לייטס, פענסטערס, וכדומה, נאר בויען פשוט, שיין און פראקטיש. און דער ראש ישיבה האט געזאגט פארן גבאי: "ווען די שול וועט זיין געענדיגט וועל איך אם ירצה השם קומען דא דאווענען, איך וועל מיך פרייען צו קענען אביסל שפאצירן פון מיין דירה אויף האשקי ביז דעם שול, אדרבה עס איז גוט אביסל צו שפאצירן און רעדן צום אייבערשטן אויפן וועג אדער האבן שיחות חברים."

אזוי אויך איז דער ראש ישיבה אריבער צום בית המדרש אויף מארקס גאס וואס גייט זיך בקרוב עפענען, און אויך דארט האט דער ראש ישיבה איבערגעגעבן דעם זעלבן זאך, אז מען זאל עס בויען פשוט, און מען דארף נישט ענדיגן בויען דעם בית המדרש אויף איינמאל, מען קען לאזן געוויסע זאכן אומגעענדיגט און שפעטער ווען עס וועט זיין געלט וועט דאס ווערן צוגעענדיגט.

פון דארט איז דער ראש ישיבה צוגעגאנגען צום הויז פון ר' סענדער ראטה הי"ו וואס האט א סטודיו ביי זיך אינדערהיים, דער ראש ישיבה האט אריינגעזינגען אפאר ניגונים פארן קומענדיגן סידי וואס קומט ארויס בקרוב אם ירצה השם.

ביים סוף איז דער ראש ישיבה אריבער צום נייעם דירה פון המלמד ר' יוסף שניצלער הי"ו, ווי דער ראש ישיבה האט געקלאפט א מזוזה, און דערנאך זיך אויסגעדריקט: "עס איז דא אינגעלייט וואס פלאנצן שיינע ביימעלעך אין פארנט פון זייער דירה, דו פלאנצט איין ערליכע אידישע דורות, דו לייגסט אריין אין די קינדער תורה ויראת שמים, דאס איז א זאך וואס בלייבט אויף שטענדיג".

שפעט ביינאכט האט זיך דער ראש ישיבה צוריק געקערט אהיים נאך א אנגעפילטע טאג זיין אין שטעטל, יעדעס מאל דער ראש ישיבה קומט באזוכן די מוסדות אין שטעטל הייבט דאס אויף די מלמדים און די קינדער, די איינגעשטעלטע באקומען פרישע כוחות צו קענען אנגיין ווייטער מיט די הייליגע ארבעט פון אריינלייגן אין די קינדער אמונה, שמחת המצוות, וואס איז אסאך מאל נישט גרינג, אבער מיט חיזוק און הדרכות וואס דער ראש ישיבה לערנט אויס, קען מען מיטן אייבערשטן'ס הילף גאר שיין מצליח זיין.

# שטעטל נייעס

## שיינער שבת משפטים מיט'ן ראש ישיבה



שבת פרשת משפטים שבת מברכים חודש אדר א' האט מען געהאט די זכיה צו האבן דעם ראש ישיבה אין שטעטל.

פרייטאג צונאכטס האט דער ראש ישיבה געדאווענט פאר'ן עמוד קבלת שבת פון וואס אלע האבן זייער הנאה געהאט, נאכן דאווענען האט דער דיין שליט"א פארגעלערנט דעם דף גמרא, און דער ראש ישיבה האט געזאגט פאר די אינגעלייט מען זאל גיין צום שיעור לערנען א דף גמרא - וואס דאס איז די חיות פאר'ן טאג.

ביים באטע זענען אריבער געקומען אסאך משפחות ביים ראש ישיבה אינדערהיים, אויך איז המפיץ הגדול ר' נתן יאקאבאוויטש שליט"א אריבער געקומען, מען האט צוזאמען געזינגען זמירות, דערנאך האט דער ראש ישיבה ארומגערעדט פון די גרויסקייט פון טוהן אין הפצה, העלפן נאך אידן זאל וויסן אז מען קען האבן א גוט לעבן, יעדער איינער אויף זיין וועג דארף זעהן עוסק זיין אין הפצה, ר' נתן יאקאבאוויטש שליט"א האט פארציילט אז א אינגערמאן האט געענדיגט ש"ס אדאנק די בריוון פון עצתו אמונה, דערנאך האבן אנדערע אינגעלייט פארציילט מעשיות פון הפצה וואס זיי האבן געהאט.

שבת אינדערפרי פאר'ן דאווענען האט דער ראש ישיבה געלערנט אין בית המדרש "תיקוני זהר", דערנאך האט מען פארגעלערנט "פעולת הצדיק" די מעשה פונעם קעניג וואס איז געגאנגען אין וואלד מיט זיינע באדינערס כאפן חיות, אינמיטן האט זיך אראפגעלאזט א שלאקס רעגן, אלע זענען געגאנגען זוכן שוץ, דער קעניג איז אריין צו א דארפס מענטש וואס האט אים גאר שיין אויפגענומען און געגעבן עסן און א בעט צו שלאפן, שפעטער ווען די באדינערס זענען צוריק געקומען האט דער קעניג געזאגט ער וויל אהיים גיין מיט דעם דארפ'ס מענטש, האט דער רבי אויסגעפירט: "משיח וועט קומען אדאנק די פשוטע אידן וואס זאגן תהילים און פירן זיך בתמימות". הרה"ק מסאטמאר זי"ע ברענגט אראפ דעם שטיקל אין ספר ויואל משה פון הרב הצדיק מברסלב זי"ע, און ער דרוקט זיך דארטן אויס: "נאר דער רבי האט פאראויסגעזען און פארשטאנען צו די לעצטע דור פאר משיח וועט קומען."

צו שחרית האט מען געהאט די זכיה צו הערן א ווארימע הארציגע דאווענען פונעם ראש ישיבה, אזוי אויך ראש חודש בענטשן האט מען געהערט פונעם ראש ישיבה.

ביים קידוש נאכ'ן דאווענען האט דער ראש ישיבה פארגעלערנט "סיפורי מעשיות" מעשה יא, פון דער בן מלך ובן שפחה וואס האבן זיך פארטוישט, דארט איז געווען א גארטן וואס ווער עס גייט אריין אין דעם גארטן יאגט מען זייער, דער אמת'ער בן מלך האט געשטעלט דעם מענטש אינמיטן דעם גארטן, און ווער עס האט זיך געשטעלט לעבן דעם מענטש איז אדורך בשלום.

האט דער ראש ישיבה מסביר געווען: "דער מענטש איז דער צדיק, און די גארטן איז דער וועלט, אויף דער וועלט יאגט מען זייער שטארק, מען פארגעסט פון תכלית, וואס דאס ברענגט נאכדעם אלע פראבלעמען, אבער אז מען נעמט אריין דעם צדיק אין די לעבן און מען פירט זיך אויף די וועגן פונעם צדיק, דעמאלטס קען מען אדורך גיין דער וועלט אן קיין שוועריקייטן, און דעמאלטס קען מען שוין זיך אויסקומען מיט א ווייב, ווייל מען ווייסט אז קיינער קומט מיר גארנישט.

ביי שלש סעודות האט דער ראש ישיבה פארגעלערנט ליקוטי מוהר"ן חלק ב' סימן כ"א "מצוה גדולה להיות בשמחה תמיד", בפרט יעצט ווען מיר גייען אריין אין חודש אדר דארף מען זיין נאך מער פרייליך, איך פריי מיך מיט מיינע מצות וואס איך האב, עקסטער דארף מען האבן איין צייט אין טאג וואס מען שמועסט זיך אויס דאס הארץ צום אייבערשטן און מען פארציילט אלע נישט גוטע זאכן וואס מען האט געטוהן, אבער א גאנצן טאג דארף מען זיין פרייליך, מען דארף זעהן אנצינדן מוזיק און זיך פרייליך מאכן. מוהרא"ש ווען ער פלעגט אדורך גיין א שווערע צייט פלעגט ער אנצינדן מוזיק ביי זיך אינדערהיים און געטאנצן אזוי פאר א לענגערע צייט.

מוצאי שבת זענען אלע משפחות זיך צאמגעקומען צו מלוה מלכה אין בית המדרש, דער ראש ישיבה האט באגריסט צוויי פרישע משפחות וואס האבן זיך אהערגעצויגן, און דער ראש ישיבה האט אויסגעשמועסט די תקנות פונעם שטעטל, וואס בעצם איז נישט דא קיין תקנות מער פון וואס עס שטייט אין שלחן ערוך, אבער איין תקנה איז יא דא, דאס איז "שלום בית", מוהרא"ש פלעגט זאגן פאר אינגעלייט אין יבנאל אויב האסט נישט קיין שלום בית קענסטו נישט דא וואוינען! דאס איז איין תקנה וואס מיר האבן דא אין שטעטל, ווייל אז מען האט שלום בית האט מען שוין נאכדעם אלעס.

# „מעשיות פון תפילה"



## ברוך יאקאבאוויטש – קרית ברסלב:

איך בין געווען אויפן וועג קיין קרית יואל פון שטעטל וועלן פלוצלינג זע איך לעמפלעך אין מיין שפיגל, א פאליס פארט מיר נאך און ווינקט מיר זיך אפצושטעלן אין די זייט, איך האב מיך אפגעשטעלט און דער פאליס-מאן קומט צו מיין פענסטער, האב איך אים געפרעגט איידעלערהייט פארוואס ער האט מיר אפגעשטעלט, זאגט ער מיר אז איך בין געפארן אביסל שנעל, וואס די טיקעט פאר דעם קען קאסטן אפאר הונדערט דאלער און אויך פוינטס אויף די לייסענס. איך האב שטילערהייט געבעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל נישט באקומען קיין פוינטס און קיין טיקעט, איך האב אנגעהויבן רעדן שיין צום פאליס מאן און אים געזאגט "דער אייבערשטער זאל דיר בענטשן" אזוי ווי דער ראש ישיבה לערנט מיט אונז כסדר.

ער איז אריין אין זיין קאר שרייבן א טיקעט ווען איך בעט ווייטער דעם אייבערשטן, נאך אפאר מינוט קומט ער צוריק און זאגט מיר אז ער וועט מיר דאסמאל נישט געבן קיין גרויסע טיקעט אויף מיין ספיד"ן נאר אויף דעם אז די לייסענס פלעיט איז געוועזן אביסל פארדעקט וואס דאס איז נאר אפאר דאלער. איך האב געדאנקט דעם אייבערשטן אז דאס מאל בין איך גרינג אפגעקומען, און איך האב זיך פארגענומען פון היינט און ווייטער צו פארן נאר לויט ווי מען מעג, אזוי ווי דער ראש ישיבה שליט"א זאגט אלץ אן ווי ווייט מען דארף אכטונג געבן צו היטן אלע געזעצן ביים דרייוון, ווייל אויב נישט איז דאס ממש סכנת נפשות.

## ישראל פוקס – אומאן:

איך בין געוועזן מיט מיין ווייב אין א גלעזער געשעפט צו קויפן נייע גלעזער, מיין ווייב דארף האבן א ספעציעלע גלאז וואס מען דארף גוט מעסטן, זייענדיג דארט פאר א שטיק צייט און פרובירנדיג די גלעזער און יענע גלעזער האט דער ארבעטער אנגעהויבן ווערן אומגעדולדיג און נערוועז.

איך האב שטילערהייט געבעטן דעם אייבערשטן אז דער ארבעטער זאל ווערן אין א גוטע גוסטע און אונז העלפן ביז'ן סוף, שכח אייבערשטער אז ווי נאר איך האב געענדיגט די תפילה איז דער ארבעטער געווארן אין א פרייליכע גוסטע און אונז געהאלפן מיט אלעס וואס מיר האבן געדארפט און מיר האבן שנעל געקענט טרעפן די ריכטיגע גלאז און שנעל ארויסגיין פון דארט. שכח אייבערשטער.

## אברהם דוד לאקס - קרית ברסלב:

איך בין געוועזן ביים רבינ'ס ציון אין שטאט אומאן אויף שבת, מיין פליגער אהיים קיין אמעריקע איז געוועזן אויף דינסטאג. מוצאי שבת האב איך מחליט געוועזן אז איך וויל שוין אהיים פארן זונטאג צופרי, געווענטליך קען קאסטן צו טוישן טיקעט אסאך געלט. איך האב געבעטן דעם אייבערשטן ס'זאל צוגיין גרינג דאס טוישן טיקעט און ס'זאל זיין גאר ביליג, אויך האב איך געזאגט פארן אייבערשטן אז איך וועל מפרסם זיין די מעשה פון תפילה.

איך האב אנגערופן די עירליין און געבעטן צו טוישן די טיקעט, שכח אייבערשטער אז ס'איז אויסגעקומען שטוינענד ביליג און טאקע אפאר שעה שפעטער בין איך שוין געוועזן אויפן פליגער אהיים קיין אמעריקע. שכח אייבערשטער.

## יואל וועבערמאן - קרית ברסלב:

איך האב אינדערהיים א מייקראוועיוו וואס מען נוצט צו איבערוואַרעמען עסן, אפאר וואכן צוריק האט עס אנגעהויבן מאכן פראבלעמען און ס'האט מער נישט געארבעט געהעריג, ביז נאך א שטיק צייט האט עס אינגאנצן אויפגעהערט צו ארבעטן.

איין טאג האבן מיר, די גאנצע משפחה אפגעמאכט אז מ'גייט בעטן דעם אייבערשטן די מייקראוועיוו זאל צוריק אנהייבן ארבעטן, יעדער האט געבעטן: "הייליגער באשעפער העלף די מייקראוועיוו זאל אנהייבן ארבעטן". נאך אפאר מאל בעטן האבן מיר פרובירט עס צו אנצונדן און וואונדער איבער וואונדער, די מאשין וואס ארבעט שוין נישט אפאר וואכן האט מיט תפילה אנגעהויבן ארבעטן ווי ס'וואלט קיינמאל געוועזן צובראכן.

**סיי וואו איר וואוינט קענט איר איבערלאזן אייער מעשה פון תפילה.**

שיקט אריין אייער מעשה פון תפילה צו 845-379-1161

# א בריוו

פונעם ראש ישיבה שליט"א

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ"ז שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

דֶער גִּלְיוֹן פוּן שְׁטֶעטְל אִיז זֵייעֶר שֵׁיין, אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר לִיבּ צוּ לֵיינֶען **מַעֲשִׂיּוֹת פוּן תְּפִלָּה**; יֶעדֶע וָואךְ וֶוערְט עֶס שֶׁענֶער אוּן שֶׁענֶער.

אוֹיךְ דִי חִידוֹת פַאר קִינְדֶער אִיז זֵייעֶר שֵׁיין, אֵיינֶער פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זָאגְט מִיר אַז זַייט דֶער בְּלֶעטְל פוּן שְׁטֶעטְל הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן דִי חִידוֹת הָאט **זַיין שַׁבָּת טִישׁ בַּאקוּמֶען אַן אַנְדֶערֶע פָּנִים**. עֶר הֵייבְּט אָן אִין שׁוּל, עֶר וַוייזְט פַּאר דִי קִינְדֶער דִי חִידוֹת, דִי קִינְדֶער וֶוערְן זֵייעֶר נֵייגֶערִיג, אָבֶּער עֶר זָאגְט עֶרְשְׁט דִי עֶנְטְפֶערְס בַּיי דִי סְעוּדָה. אַלֶע הֶערְן אוֹיס, אַלֶע פְּרוּבִּירְן צוּ זָאגְן עֶנְטְפֶערְס; צוּם בֵּיישְׁפִּיל, פָּארִיגֶע וָואךְ אִיז גֶעוֶוען אַ חִידָה 'וָואס הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעטוּן בִּשְׁעַת מֶען הָאט אִים גֶעבִּינְדְן מִיט קֵייטְן?' אֵיין קִינְד זָאגְט: "עֶר הָאט גֶעזָאגְט גַּם זוּ לְטוֹבָה", אֵיינֶער זָאגְט: "עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער"; וֶוען אַלֶע עֶנְדִיגְן זָאגְן דִי עֶנְטְפֶערְס קוּמְט דֶער טַאטֶע מִיט זַיין עֶנְטְפֶער.

עֶר טוּט דָאס אוֹיךְ מִיט **עֲצָתוֹ אֱמוּנָה**; עֶר פְרֶעגְט אַ שְׁאֵלָה בַּיי דִי סְעוּדָה אוּן יֶעדֶע קִינְד פְּרוּבִּירְט צוּ עֶנְטְפֶערְן, עֶר דֶערְצֵיילְט מִיר אַז פָּארִיגֶע וָואךְ הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט דִי שְׁאֵלָה וָואס אַ אִינְגֶערְמַאן פְרֶעגְט 'וָואס קֶען אִיךְ טוּן אַז מַיין וַוייבּ הָאט אַ טְרֵיפָה'נֶעם טֶעלֶעפָאן?' אֵיין קִינְד זָאגְט עֶר זָאל זִיךְ גֶטְ'ן אוּן חֲתוּנָה הָאבְּן מִיט אַ צְוֵוייטְן; וֶוען אַלֶע עֶנְדִיגְן זָאגְט עֶר: "יֶעצְט וֶועט מֶען הֶערְן וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאגְט, דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאגְט עֶר זָאל זִיךְ חַס וְשָׁלוֹם גֶטְ'ן, גֶטְ'ן אִיז נִישְׁט דִי עֵצָה".

**מִיט קִינְדֶער דַארְף מֶען הָאבְּן גְרוֹיס חָכְמָה** וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן זֵיי זָאלְן אוֹיסְהֶערְן אוּן מִיטְהַאלְטְן.

# א שיחה

פון דער

ראש ישיבה שליט"א



## לייגן תפילין

דער ראש ישיבה שליט"א האט אמאל פארגעלערנט פאר די בחורים די גמרא, ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (ברכות ל:): אביי איז געזעסן פאר רבה, און רבה האט געזען אז אביי איז זייער פריילך, האט אים רבה געפרעגט, עס שטייט דאך (תהלים ב, יא): "וְגִילוּ בִּרְעָדָה"? האט אים אביי געענטפערט: אֲנָא, תְּפִלִּין מַנַּחְנָא, "איך האב אנגעטון תפילין"!

די זעלבע מעשה איז געווען ביי רבי ירמיה, ער איז געזעסן פאר רבי זירא, און רבי זירא האט געזען אז רבי ירמיה איז זייער פריילך, האט אים רבי זירא געפרעגט, עס שטייט דאך (משלי יד, כג): "בְּכָל עֶצֶב יִהְיֶה מוֹתָר"? האט אים רבי ירמיה געענטפערט: "איך האב אן תפילין"!

האט דער ראש ישיבה שליט"א ארומגערעדט איבער די גרויסקייט פון לייגן תפילין, וואו מען זעט פון די גמרא וואו ווייט א מענטש דארף זיך מחיה זיין מיט דעם וואס ער טוט אן תפילין יעדן טאג; דער יצר הרע קען דאס אבער נישט צוקוקן, ער קען נישט זען ווי א איד בינדט זיך צו צום אייבערשטן יעדן טאג, וואס טוט ער? ער ווארפט אראפ דעם מענטש און ער מאכט אז דער מענטש זאל האבן חלישות הדעת - זה בכה וזה בכה, צו יעדן איינעם קומט ער מיט אן אנדערע שלייער, ער צעברעכט דעם מענטש, ער ברענגט אריין אין אים שלעכטע מחשבות, אז דער מענטש טראכט: "ווער דארף מיין תפילין, ווער דארף מיין דאווענען, איך בין דאך אזוי ווייט פונעם אייבערשטן, איך האב דאך אזוי סאך געזינדיגט וכו' וכו'", אבער דאס איז נישט אמת, ווייל דער אייבערשטער ווארט אז דער מענטש זאל קומען יעדן טאג אין שול.

דער ראש ישיבה שליט"א האט צוגעלייגט: "מיט תפילין שעמט מען זיך נישט, מיט תפילין באהאלט מען זיך נישט, אז מען איז אויפגעשטאנען שפעט, באהאלט מען זיך נישט מיט די תפילין ערגעץ וואו אין א פארשלאסענעם צימער וכדומה, נאר מען גייט אין בית המדרש לייגן תפילין. האט א בחור געפרעגט: "אויב איך וועל לייגן תפילין אפענערהייט אין א שול נאכמיטאג זייער שפעט קען דאס שאטן פאר א שידוך, מענטשן וועלן דאס אראפקוקן און טראכטן שלעכטס: 'קוק, ער שטייט אויף שפעט'"; האט דער ראש ישיבה שליט"א געענטפערט: "תפילין שאדט נישט פאר א שידוך, ווען א בחור דרייט זיך ארום מיט א גרויסער טעלעפאון - אפילו עס איז געפילטערט, דאס קען שאטן פאר א שידוך, אבער תפילין שאדט נישט".

על ידי הפצת ספרי רבינו נביא את משיח צדקינו




# הפצה ווינקל

היכל הקודש

## בְּרִיוו

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, ד׳ אֲדָר, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

... תְּחִיֶ׳, תַּלְמִידָה בֵּית פֵּיגָא בְּרֶסְלֶב

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיר מֵיינְט אִיר טוּט נִישְׁט קַיין הֲפָצָה? נִישְׁטָא נָאךְ אַ תַּלְמִידָה וָואס זָאל אַזוֹי פַּארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּ״ן וִוי אַייךְ; וַוייל וֶוען מֶען פִּירְט זִיךְ שֵׁיין, מֶען גֵייט אָנְגֶעטוּן אֵיידְל, מֶען רֶעדְט אֵיידְל, **מֶען אִיז גוּט צוּ אַנְדֶערֶע אוּן מֶען פִירְט זִיךְ מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ צוּ עֶלְטֶערֶע - דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע הֲפָצָה.** אַלֶע פְרֶעגְן: ׳וֶוער אִיז דִי אֵיידֶעלֶע מֵיידְל? וֶוער אִיז זִי? וואוּ לֶערְנְט זִי? זִי אִיז אַזַא אֵיידֶעלֶע, אַזַא טֵייעֶרֶע׳; וֶוען מֶען הֶערְט אַז דִי מֵיידְל הָאט מִיט בְּרֶסְלֶב, הֵייבְּן אַלֶע אָן טְרַאכְטְן: ׳מִיר וֶועלְן אוֹיךְ אַרֵיינְקוּקְן אִין דִי סְפָרִים, זֶען וָואס בְּרֶסְלֶב לֶערְנְט; מִיר וֶועלְן אוֹיךְ אוֹיסְהֶערְן שִׁיעוּרִים אוּן נֶעמֶען דִי קוּנְטְרֵסִים, מִיר זֶעעֶן אַז עֶס אִיז דָא עֶפֶּעס אִין בְּרֶסְלֶב, **בְּרֶסְלֶב פַּארְקוֹיפְט אֵיידְלְקֵייט, רֵיינְקֵייט אוּן פְרֵיילִיכְקֵייט**׳.

אַייעֶרע עֶלְטֶערְן ווִילְן נִישְׁט אִיר זָאלְט גֵיין הֲפָצָה, זֵי ווִילְן נִישְׁט אִיר זָאלְט אוֹיסְטֵיילְן וְכוּ׳ - זָאלְט אִיר זֵיי אוֹיסְהֶערְן, וַוייל אִיר זֶענְט סֵיי וִוי אַ גְרוֹיסֶע מֵפִיצָה; אִיר וֵוייסְט נִישְׁט וִויפִיל אוֹיגְן קוּקְן אוֹיף אַייךְ, **אִיר וֵוייסְט נִישְׁט וִוי אַלֶע אַייעֶרֶע חַבְרֶ׳טֶעס, שְׁכֵנִים אוּן מִשְׁפָּחָה וְכוּ׳ - קוּקְן אוֹיף אַייךְ.**

וֶוען מֶען רֶעדְט אַ שְׁמוּעֶס אוּן עֶס קוּמְט אוֹיס מֶען זָאל רֶעדְן פוּן אַייךְ, הֵייבְּן אַלֶע אָן רֶעדְן פוּן בְּרֶסְלֶב; אַזוֹי אִיז מִיט אַלֶע תַּלְמִידוֹת פוּן בֵּית פֵּיגָא אוּן אַלֶע חֲתוּנָה גֶעהַאטֶ׳ע ווַייבְּלֶעךְ וָואס גֶעהֶערְן אִין קְהִלּוֹת בְּרֶסְלֶב. וֶוען מֶען שְׁמוּעֶסְט פוּן זֵיי קוּמְט אַרֵיין אָטָאמַאטִישׁ אַ שְׁמוּעֶס פוּן בְּרֶסְלֶב; אַ טֵייל הֵייבְּן אָן שְׁפֶּעטְן, אַנְדֶערֶע מַאכְן חוֹזֵק אוּן אַנְדֶערֶע טְרַאכְטְן שְׁטִילֶערְהֵייט ׳מִיר דַארְפְן אַרַיין קוּקְן אִין דִי זַאךְ, זֶען וָואס בְּרֶסְלֶב גֶעבְּט פַאר מֶענְטְשְׁן אַז מֶענְטְשְׁן וֶוערְן אַזוֹי צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ דֶעם׳.

פָאלְגְט אַייעֶר עֶלְטֶערְן.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**



## א מעשה פון הפצה

א מפיץ אין ארץ ישראל:

איך בין געגאנגען הפצה אין שוק מחנה יהודה ווען א איד קומט צו מיר מיט א שיינענדיגע פנים און א ריזיגע שמייכל, ס׳האט אויסגעקוקט ווי ער האט עפעס גוטס צו פארציילן.

האט ער מיר אנגעהויבן פארציילן: ״איך קום מיין לעבן פאר מוהרא״ש וואס דורך זיינע ווינדערליכע קונטרסים איז מיין לעבן אויפגעראכטן געווארן.״

איך בין געווען דעפרעסט און צובראכן און נישט ארויסגעקומען פון בעט פאר ״פערצן״ יאר, יא, פערצן יאר האב איך נישט געלעבט, אפגערעדט פון שלום בית און אידישקייט, איך האב פשוט נישט געהאט קיין טעם אין לעבן.

ביז ס׳איז אנגעקומען צו מיר א קונטרס פון א מוהרא״ש דורך א מפיץ, און איך האב געזען שטיין אינעם קונטרס אז ס׳איז דא א באשעפער וואס פירט די וועלט, און וואס נאר מען דארף קען מען אים בעטן, און אז דער אייבערשטער האט מיך ליב וויאזוי איך בין, און אזוי ווייטער אלע שיינע עצות פון מוהרא״ש, דאס האט מיר געמאכט איך זאל ווערן צוריק לעבעדיג, צוביסליך האב איך מיך געשטעלט אויף די פיס, און צוריק ארויסגעקומען צווישן מענטשן, ביז וואו איך האלט היינט. דאס אלעס איז צו פארדאנקן איין קונטרס וואס איך האב באקומען פון א מפיץ.

דער איד זאגט מיר: ״איך בעט דיר גיי אן מיט א שטארקייט און זיי מפיץ די קונטרסים פאר יעדן איינעם, מען ראטעוועט מיט דעם צענדליגע אידישע קינדער״.

**וואס איין קונטרס טוט אויף.**

איבערצולאזן א מעשה פון הפצה רופט 845.379.1161

צו באקומען די וועכנטליכע עצתו אמונה אפגעשיקט צו אייער טיר

email:subscribe@kerenhadfusa.org

קאלל, טעקסט, וואטסעפ: 718.387.2691

# נייעס פון קרן הדפסה

## ברסלב סענטער טעלעפאן עפּפ

ברסלב סענטער וועבסייט איז שוין אפן פאר עטליכע יאר, און וואקסט און פארברייטערט זיך יעדן טאג, מיט אקטיווע פלענער צו פארטאפּלען און פארשענערן און צולייגן נאך און נאך אפּציעס.

איינע פון די גרויסע און קאסטבארע פראיעקטן איז א "ברסלב סענטער טעלעפאן עפּפ" וואס האלט שוין ברוך השם ביי די לעצטע שטאפלען, און וועט גאר בקרוב מיט אייבערשטנ'ס הילף פארטיג ווערן, (פארשטייט זיך אז דאס איז נאר פאר די וואס מוזן דאס סיי ווי האבן לצורך פרנסה) מען ארבעט שוין אויף דעם גאר א לאנגע צייט, עס גייט אריין אין דעם קאפ און מוח, עס זאל זיין גאר געשמאק און גרינג צו ניצן און קענען אויסהערן שיעורים, אדער ליינען די בריוון און אזוי ווייטער.

דער וועבסייט וואס ווערט אפּדעיטעד יעדן טאג מיט נייעס, בריוון, שאלות ותשובות, בילדער, שיעורים, קליפּס, גליונות און נאך, קאסט גאר אסאך אויפצוהאלטן, פאר א מינימאלע פרייז קען מען קויפן דעם זכות פון א טאג "פרנס היום", וואך "פרנס השבוע", און חודש "פרנס החודש", וואס וועט באצאלן די הוצאות פון אויפהאלטן דעם וועבסייט.

וואס קען זיין א גרעסערע צדקה פון געבן פאר הפצה! די וועבסייט איז פון די גרעסטע הפצה אפּאראטן וואס איז נאר פארהאן, עס ציעט צו זיך שווערע טויזנטער באזוכער פון די איבער גאנצע וועלט, פילע וועלכע האבן נישט די געלעגנהייט צו קומען פערזענליך אין א בית המדרש היכל הקודש, און הערן פערזענליך א שיעור פונעם ראש ישיבה, זיצן ביי זיך אין אפיס און שלינגען מיט דורשט די ווערטער פונעם ראש ישיבה פון די שיעורים און בריוו, און באקומען חיות און הדרכה, וואס באלייכט זיי זייער לעבן.

ווען איר געבט אייער נדבה, געדענקט אויסצוקלויבן אייער טאג/וואך/חודש, אין די צייט פון א יארצייט פון די עלטערן/ זיידעס/צדיקים לויט אייער באגער, אדער אין צייט פון א שמחה אדער במקום סעודות הודאה, און טוט א נחת רוח פאר'ן רבונו של עולם מיטן שטיצן דעם וועבסייט וואס איז מגלה און מפרסם דעם אייבערשטן אויף אזא פארנעם. צו מנדב זיין רופט 718-387-2691

# בילדער פון קרן הדפסה



אנגעקומען פרישע פאלעט פון פאפיר פארן בית הדפוס




קרית ברסלב בלעטל גרייט צו ווערן ארויסגעשיקט פאר די מפיצים



ביים דרוקן קונטרסים אין בית הדפוס אין ישיבה אפאר יאר צוריק

## אלו יעמדו על הברכה

די טייערע נדבנים וואס האבן געגומען א שיינעם חלק אין הפצת אור רבינו ז"ל די וואך

| | | |
|---|---|---|
| **שאול חיים איינהארן**<br>סטעטן אײלענד | **לוי יצחק זאפּיר**<br>בארא פארק | **הרוצה בעולם שמו**<br>לעיקוואוד |
| **אברהם יצחק אייזנער**<br>ווילִיאמסבורג | **מענדל טירנויער**<br>קרית יואל | **אברהם דאנציגער**<br>שטאט |
| **ישראל חיים ברוין**<br>קרית ברסלב | **אפרים נובוגרודסקי**<br>לאנדאן | **מרדכי זיידענפעלד**<br>מאנסי |
| **יוסף ברילל**<br>ווילִיאמסבורג | **שלום ניימאן**<br>מאנסי | **אברהם צוויבעל**<br>קרית יואל |

צו מנדב זיין:

phone: **718.387.2691 103#**

email: **donate@kerenhadfusa.org**

whatsapp: **518.966.2370**

# א מעשה
## פון א צדיק



### דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן סְעוּדַת בְּרִית

דֶער הֵיילִיגֶער טְשֶׁערְנָאבְּלֶער מַגִיד זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אִינְטֶערְוֶועגֶענְס צוּזַאמֶען מִיט זַיין תַּלְמִיד דֶער הֵיילִיגֶער 'בַּת עַיִן' רֶבִּי אַבְרָהָם דוֹב מֵאָוְורִיטְשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אִיז אִים אוֹיסְגֶעקוּמֶען צוּ זַיין בַּיי אַ בְּרִית, הָאט דֶער בַּעַל בְּרִית אִים מְכַבֵּד גֶעוֶוען מִיט 'סַנְדְקָאוּת', הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט דֶעם בַּעַל בְּרִית צוּ עֶר הָאט אָנְגֶעגְרֵייט אַ סְעוּדָה? הָאט עֶר גֶעזָאגְט, אַז עֶר אִיז אַ מְלַמֵד אוּן עֶר הָאט נִישְׁט קַיין גֶעלְט, עֶר אִיז שׁוֹין שׁוּלְדִיג גֶעלְט אַפָּאר חֲדָשִׁים! זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער מַגִיד: אוֹיבּ אַזוֹי וִויל אִיךְ נִישְׁט זַיין סַנְדָק בַּיים בְּרִית! אוּן דֶער הֵיילִיגֶער טְשֶׁערְנָאבְּלֶער עַקְשֶׁנְ'ט זִיךְ אַיין: מֶען מוּז מַאכְן אַ סְעוּדָה! אוּן עֶר זָאגְט אִים: גֵיי בָּארְג גֶעלְט פַאר אַ סְעוּדָה. אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען בָּארְגְן, אָבֶּער עֶר הָאט נָאכְנִישְׁט גֶעהַאט גֶענוּג גֶעלְט, הָאט עֶר אִים גֶעזָאגְט: דִי אִיבֶּערִיגֶע גֶעלְט וֶועל אִיךְ גֶעבְּן! בַּיים הֵיילִיגְן 'בַּת עַיִן' אִיז דָאס גֶעוֶוען אַ מוֹרָא'דִיגֶער וואוּנְדֶער: אַ אִיד וָואס אִיז אַ בְּלוּטִיגֶער אָרִימַאן בֶּעט זִיךְ מֶען זָאל זַיין סַנְדָק, אוּן דֶער רֶבִּי וִויל נִישְׁט בְּשׁוּם אוֹפָן נָאר אַז מֶען מַאכְט אַ סְעוּדָה?!

שְׁפֶּעטֶער הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט זַיין רֶבִּי'ן: פַארְוָואס אִיז דֶעם רֶבִּי'ן אַזוֹי גֶעגַאנְגֶען אִין לֶעבְּן צוּ מַאכְן אַ סְעוּדָה? זָאגְט עֶר: דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם הָאט זִיךְ גֶערֵייצְט מִיטְן מַלְאָךְ מִיכָאֵל וָואס עֶר אִיז שְׁטֶענְדִיג 'מְלַמֵד זְכוּת' אוֹיף כְּלַל יִשְׂרָאֵל, זָאגֶענְדִיג: אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶע'פּוֹעֶל'ט בַּיי אִידְן, אַז בַּיי אַ סִיוּם מַסֶכְתָּא, מַאכְט מֶען נִישְׁט קֵיין סְעוּדָה! אַזוֹי וִוי זַיין נָאמֶען אִיז טַאקֶע: **סִ'יוּם מְ'סֶכְתָּא אֵ'ין לַ'עֲשׂוֹת**, אוּן יֶעצְט וֶועל אִיךְ דִיר וַוייזְן אַז מֶען וֶועט אַ סְעוּדַת בְּרִית אוֹיךְ נִישְׁט מַאכְן, אַזוֹי וִוי זַיין נָאמֶען אִיז: **סְ'עוּדַת מִ'ילָה אֵ'ין לַ'עֲשׂוֹת**. דֶערְפַאר - הָאט דֶער הֵיילִיגֶער טְשֶׁערְנָאבְּלֶער מַגִיד אוֹיסְגֶעפִירְט - אִיז מִיר גֶעגַאנְגֶען אִין לֶעבְּן דַוְקָא צוּ מַאכְן אַ סְעוּדָה, אוּן מֶען וֶועט זֶעהְן וֶוער עֶס וֶועט מֶער מַצְלִיחַ זַיין!

(קונטרס "בר מצוה")

### דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ בַּר מִצְוָה

בַּיי אַ בַּר מִצְוָה וָואס אִיז דָאךְ אוֹיךְ אַ 'סְעוּדַת מִצְוָה', דַארְף מֶען אוֹיךְ זֶעהְן צוּ מַאכְן אַ סְעוּדָה.

וִוי בַּאוואוּסְט הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי רֶבִּי אֶלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעהַאט אַ זוּהְן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אֶלְעָזָר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אָבֶּער דֶער רֶבִּי אֶלְעָזָר אִיז בִּיז זַיין בַּר מִצְוָה גֶעוֶוען אַ וִוילְד אִינְגֶל, אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעמַאכְט צָרוֹת פַאר דִי מְלַמְדִים וְכוּ', זֶענֶען זֵיי גֶעקוּמֶען זִיךְ בַּאקְלָאגְן פַאר זַיין הֵיילִיגְן פָאטֶער, הָאט עֶר זֵיי גֶעזָאגְט: לָאזְט אִים אָפּ, אוּן טוּט אִים גָארְנִישְׁט! אֵיינְמָאל הָאט עֶר זֵיי גֶעזָאגְט: לָאמִיר וַוארְטְן בִּיז צוּ זַיין בַּר מִצְוָה!

פַאר דִי בַּר מִצְוָה וֶוען מֶען הָאט גֶעקוֹיפְט דִי סְחוֹרָה אִים צוּ מַאכְן דֶעם אָנְצוּג, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי רֶבִּי אֶלִימֶלֶךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם שְׁנַיידֶער, עֶר זָאל אַרִיבֶּער קוּמֶען צוּ אִים אִין שְׁטוּבּ, אוּן עֶר הָאט אִים גֶעזָאגְט: לֵייג אוֹיס דִי סְחוֹרָה אוֹיפְן טִישׁ, אוּן שְׁטֶענְדִיג פַאר דוּ גֵייסְט עֶפֶּעס אוֹיפְשְׁנַיידְן מֶעלְד מִיר אַיין. דֶער שְׁנַיידֶער מֶעסְט אִים אָפּ דִי אַקְסֶלְעֶן, אוּן עֶר וִויל אוֹיפְשְׁנַיידְן, זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי רֶבִּי אֶלִימֶלֶךְ פַארְן שְׁנַיידֶער: זָאג מִיךְ נָאךְ וָואס אִיךְ וֶועל דִיר זָאגְן! אוּן עֶר הֵייבְּט אָן זָאגְן: אִיךְ נֵיי יֶעצְט אוֹיף דִי אַקְסֶעל פַאר רֶבִּי אֶלְעָזָר, עֶר זָאל זִיךְ נִישְׁט קֶענֶען רִירְן מִיטְן אַקְסֶעל נָאר פַארְן בַּאשֶׁעפֶער'ס וֶועגְן; נָאכְדֶעם בַּיי דִי הֶענְט, זָאגְט עֶר: דִי הֶענְט זָאלְן נִישְׁט קֶענֶען גָארְנִישְׁט טוּהְן נָאר דֶעם רָצוֹן פוּן בַּאשֶׁעפֶער. אוּן אַזוֹי וַוייטֶער הָאט עֶר אַלְץ גֶעזָאגְט בַּיי יֶעדְן חֵלֶק פוּנֶעם מַלְבּוּשׁ, אַז מֶען זָאל מִיט דֶעם זִיךְ **נָאר קֶענֶען בַּאוֶועגְן צוּ טוּהְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטֶענְס רָצוֹן**. אוּן וֶוען עֶר אִיז גֶעוָוארְן בַּר מִצְוָה אִיז עֶר טַאקֶע אוֹיסְגֶעוואַקְסְן זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק (עַיֵין בְּסֵפֶר כֹּחוֹ דְּרַבִּי אֶלְעָזָר בְּרַשְׁבַּ"י סִימָן א בְּהַגָ"ה).

(קונטרס "בר מצוה")



# דעם רבי'נ'ס נסיעה
## קיין ארץ ישראל

קאפיטל 20

**פארזעצונג פון פריער:**

יוֹם טוֹב סוּכּוֹת אִיז דֶער רֶבִּי גֶעוֶוען אִין חֵיפָה, דֶער צְוֵוייטֶער טָאג חוֹל הַמוֹעֵד סוּכּוֹת אִיז דֶער רֶבִּי גֶעגַאנְגֶען צוּ דִי מְעָרָה פוּן אֵלִיָהוּ הַנָבִיא אוֹיפְ'ן הַר הַכַּרְמֶל.

...

מִיטְוָואךְ - שִׂמְחַת תּוֹרָה הָאט מֶען גֶעטַאנְצְן הַקָפוֹת פְרֵיילִיכֶערְהֵייט ווִי גֶעוֶוענְלִיךְ, וּבִפְרָט אַז סְ'זֶענֶען גֶעוֶוען דָארְט חֲסִידִישֶׁע אִידְן, אוּן דֶער רֶבִּי אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען דָארְט אִין שׁוּל, עֶר הָאט אָבֶער נִישְׁט גֶעוָואלְט מַאכְן קַיין שׁוּם הַקָפָה, עֶר אִיז נָאר גֶעזֶעסְן מִיט אַן אַרָאפְּגֶעבוֹיגֶענֶעם קָאפּ מִיט גְרוֹיס הַכְנָעָה, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט רֶעדְן צוּ קֵיינֶעם, וַוייל אַזוֹי הָאט זִיךְ דֶער רֶבִּי אַלְץ גֶעפִירְט, אֵיידֶער עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ פוֹעֶלְ'ן עֶפֶּעס וָואס עֶר הָאט גֶעוָואלְט פוֹעֶלְ'ן, אִיז עֶר גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁטַארְק צֶעבְּרָאכְן, אוּן עֶר הָאט אַסַאךְ מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען אוּן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד גֶעוֶוען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

פְרַייטָאג - אִסְרוּ חַג הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט פַאר זַיין בַּאגְלֵייטֶער רֶבִּי יִצְחָק, "בָּרוּךְ ה' אַז אִיךְ הָאבּ גֶע'פּוֹעֶלְ'ט אַסַאךְ וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט אוֹיפְ'ן בֶּעסְטְן פַארְנֶעם, פוּן דֶעסְטְוֶועגְן הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט נָאךְ צוּ בְּלַייבְּן דָא אַבִּיסְל אַלְס לִיבְּשַׁאפְט צוּ אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אָבֶער יֶעצְט דַארְפְן מִיר זִיךְ שׁוֹין גְרֵייטְן אַהֵיימְצוּגֵיין אוֹיף חוּץ לָאָרֶץ, גֵיי דִינְג אַ שִׁיף קַיין אִיסְטַאנְבּוּל".

ר' יִצְחָק הָאט אָבֶער נִישְׁט גֶעוָואלְט פָאלְגְן, עֶר הָאט נָאכְנִישְׁט גֶעוָואלְט אַהֵיימְגֵיין, עֶר הָאט גֶע'טַעֲנָה'ט צוּם רֶבִּי'ן אַז עֶר ווִיל נָאךְ זַיין אִין טְבֶרְיָה אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אַז סְ'גְלוּסְט דִיר צוּ זַיין אִין טְבֶרְיָה, גֵיי דִינְג אֵייזְלֶען אַהִינְצוּגֵיין". וַוייל דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט אַסַאךְ עַקְשְׁנֶ'ען אוֹיף קַיין שׁוּם זַאךְ. עֶר הָאט גֶעדִינְגֶען אֵייזְלֶען, אוּן זֵיי זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען קַיין טְבֶרְיָה.

דִינְסְטָאג - כ"ט תִּשְׁרֵי פַארְנַאכְטְס זֶענֶען זֵיי אָנְגֶעקוּמֶען אִין טְבֶרְיָה, אִין לוֹיף פוּן דִי גַאנְצֶע נַאכְט זֶענֶען דִי אַיינְוואוֹינֶער פוּן טְבֶרְיָה גֶעקוּמֶען מְקַבֵּל פָּנִים זַיין דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן ווִי נָאר אֵיינֶער אִיז אַרוֹיס אִיז דֶער צְוֵוייטֶער אַרַיין, אוּן פִילֶע הָאבְּן זִיךְ אָנְגֶעטוּן בִּגְדֵי שַׁבָּת לְכָבוֹד דֶעם רֶבִּי'ן, דֶער רֶבִּי אִיז נִישְׁט גֶעשְׁלָאפְן דִי גַאנְצֶע נַאכְט צוּלִיבּ דֶעם.

אִין אָנְהוֹיבּ אִיז דֶער רֶבִּי אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען אִין טְבֶרְיָה אִין הוֹיז פוּן זַיין קָרוֹב, אַ זוּן פוּן רֶבִּי שִׁמְשׁוֹן, אַ זוּן פוּן זַיין זֵיידְן רֶבִּי נַחְמָן הוֹרִידֶענְקֶער זי"ע. אָבֶער אַסַאךְ הָאבְּן גֶעזָאגְט אַז מְ'דַארְף מְסַדֵר זַיין פַארְ'ן רֶבִּי'ן אַ גְרֶעסֶערֶע הוֹיז, עֶר זָאל הָאבְּן הַרְחָבַת הַדַעַת, אוּן דֶערְפַאר הָאט מֶען פְרוּבִּירְט צוּ שַׁאפְן פַארְ'ן רֶבִּי'ן אַ בֶּעסֶערֶע אַכְסַנְיָא.

צוּמָארְגְנְס, מִיטְוָואךְ אִיז דֶער רֶבִּי אַרִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען צוּם הוֹיז פוּנֶעם צַדִיק רֶבִּי צְבִי הַארְקֶער זי"ע, פוּן דִי גְרוֹיסֶע תַּלְמִידִים פוּנֶעם הֵיילִיגְן צַדִיק רֶבִּי מֶענְדֶעלֶע וִויטֶעבְּסְקֶער זי"ע וָואס אִיז גֶעוֶוען גָאר אַ גְרוֹיסֶער הֵיילִיגֶער מֶענְטְשׁ.

דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק רֶבִּי אַבְרָהָם קַאלִיסְקֶער זי"ע הָאט גֶעשִׁיקְט אַ סְפֶּעצִיעֶלֶער שָׁלִיחַ צוּם רֶבִּי'ן, אַז אַזוֹי ווִי עֶס אִיז בַּיי אִים הַיינְט אַ יוֹם הַקָזָה, עֶר שְׁפִּירְט זִיךְ נִישְׁט גוּט, דֶערְפַאר קֶען עֶר נִישְׁט אַרִיבֶּערְגֵיין גֶעבְּן שָׁלוֹם פַארְ'ן רֶבִּי'ן. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז עֶר הָאט סַיי ווִי גֶעוָואלְט גֵיין צוּ אִים, אוּן דֶער רֶבִּי אִיז טַאקֶע גְלַייךְ גֶעגַאנְגֶען צוּ רֶבִּי אַבְרָהָם קַאלִיסְקֶער זי"ע.

דֶער צַדִיק הָאט אוֹיפְגֶענוּמֶען דֶעם רֶבִּי'ן מִיט גָאר גְרוֹיס כָּבוֹד, מִיט גָאר אַ שְׁטַארְקֶע וַוארֶעמְקֵייט אוּן לִיבְּשַׁאפְט. מְ'קֶען גָארְנִישְׁט בַּאשְׁרַייבְּן דִי גֶעוַואלְדִיגֶע פְרַיינְטְשַׁאפְט אוּן לִיבְּשַׁאפְט וָואס רֶבִּי אַבְרָהָם קַאלִיסְקֶער זי"ע הָאט גֶעהַאט מִיטְ'ן רֶבִּי'ן. עֶר הָאט זֵייעֶר גֶעבֶּעטְן דֶעם רֶבִּי'ן אַז עֶר זָאל אַיינְשְׁטֵיין בַּיי אִים אִינְדֶערְהֵיים, אָבֶער דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר קֶען נִישְׁט בְּלַייבְּן דָארְט אַיינְצוּשְׁטֵיין, עֶר וֶועט אָבֶער קוּמֶען אוֹיף אֵיין שַׁבָּת צוּ אִים. אוּן דֶערְנָאךְ אִיז הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ צוּרִיק גֶעקֶערְט צוּ זַיין אַכְסַנְיָא.

צוּמָארְגְנְס, דָאנֶערְשְׁטָאג הָאט רֶבִּי אַבְרָהָם קַאלִיסְקֶער זי"ע גֶעשִׁיקְט אַ שָׁלִיחַ צוּם רֶבִּי'ן אִים צוּ לַאדֶענֶען אוֹיפְ'ן עֶרְשְׁטְן שַׁבָּת, וָואס אִיז גֶעוֶוען פַּרְשַׁת נֹחַ, אַז עֶר זָאל קוּמֶען אַיינְשְׁטֵיין בַּיי אִים אוֹיף שַׁבָּת.

דֶער רֶבִּי הָאט טַאקֶע אַזוֹי גֶעטוּן, עֶר אִיז אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען אוֹיף שַׁבָּת פַּרְשַׁת נֹחַ בַּיי רֶבִּי אַבְרָהָם קַאלִיסְקֶער זי"ע.

פארזעצונג קומענדיגע וואך אי"ה



### א סעודה

# מיט'ן ראש ישיבה

## פרשת יתרו תשפ"ב

דער ראש ישיבה איז אהיימגעקומען מיט א פרייליכן "גוט שבת". און אנגעהויבן זינגען זמירות פרייליכערהייט צוזאמען מיט די קינדער, פארן מאכן קידוש האט דער ראש ישיבה געשמעקט הדסים, און זיך אנגערופן: "אז מען שמעקט הדסים האט מען ערליכע קינדער, עס איז א גרינגע סגולה."

דער ראש ישיבה האט געוואלט מאכן פרייליך האט ער זיך אנגערופן: "היינט האב איך געזען א הערש אין וויליאמסבורג". יעדער איז געווארן פארוואונדערט און געפרעגט וואו? ווען? האט דער ראש ישיבה געענטפערט איך האב געזען הערשי רוטה!

דער ראש ישיבה האט פארציילט פאר זיין ווייב ווי שיין די קינדער האבן געדאווענט אין שול, און דער ראש ישיבה האט אויסגערימט יעדע קינד עקסטער ווי שיין ער האט געדאווענט. די קינדער האבן פארציילט אז דער ראש ישיבה האט געטיילט קענדיס פאר ווער עס האט שיין געדאווענט, און זיי זענען געווען אזוי פרייליך אז זיי האבן געקענט באקומען.

ביים עסן די פיש האט דער ראש ישיבה דערמאנט די קינדער צו זאגן "לכבוד שבת קודש", ווייל יעדע מאל מען זאגט לכבוד שבת, ווערט באשאפן נאך א מלאך.

איינער פון די קינדער האבן געבעטן נאך פיש, האט דער ראש ישיבה געזאגט אז אויב ער וועט נאך זיין הונגעריג נאך די פלייש וועט ער דעמאלטס באקומען נאך...

נאך די פיש האט דער ראש ישיבה געבעטן איינער פון די קינדער זאלן אים ברענגען מאמי'ס גלעזל, און די ראש ישיבה האט אנגעגאסן פאר איר גרעיפ דזשוס מיט סעלצער, דער ראש ישיבה האט געריעדט פון דעם אז די עסן און טרינקען האט א בעסערע טעם ווען מ'ווייסט אז מיין ווייב אדער מיין מאן האט עס צוגעגרייט פאר מיך.

נאכדעם האט דער ראש ישיבה פארציילט די מעשה פון די גמרא (מסכת מועד קטן ט:): צוויי תלמידים פון ר' שמעון בר יוחאי זענען געקומען צו אים זיך געזעגענען פאר זיי פארן אהיים. האט ר' שמעון בר יוחאי האט געשיקט זיין זון ער זאל גיין נעמען א ברכה פון זיי, איז ער אהינגעגאנגען, און זיי האבן אים אנגעוואונטשן: "דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט איינפלאנצן און נישט אפשניידן, זאלסט אריינברענגען און ס'זאל נישט ארויסגיין, דיינע זאכן זאלן ארויסגיין און זאלסט עס נישט קענען צוריקברענגען, דיין הויז זאל חרוב ווערן און זאלסט זיך דארפן אופהאלטן אין א אכסניה, דיין טיש זאל צושטערט ווערן, און זאלסט נישט זען קיין נייע יאר."

ער איז צוריקגעקומען צו ר' שמעון בר יוחאי און געזאגט: "נישט גענוג אז זיי האבן מיך נישט געגעבן קיין ברכה, האבן זיי מיך געשאלטן." זאגט אים ר' שמעון בר יוחאי: "דאס אלעס איז ברכות. זאלסט איינפלאנצן און נישט אפשניידן - זאלסט האבן קינדער און זיי זאלן נישט שטארבן. זאלסט אריינברענגען און ס'זאל נישט ארויסגיין - זאלסט אריינברענגען שנורן און זיי זאלן נישט דארפן ארויסגיין פון דיין שטוב. דיינע זאכן זאלן ארויסגיין און זאלסט עס נישט קענען צוריקברענגען - זאלסט האבן טעכטער און זאלסט זיי ארויסגעבן, זאלסט זיי שיקן צו זייערע מענער. דיין הויז זאל חרוב ווערן און זאלסט זיך דארפן אויפהאלטן אין א אכסניה - דער וועלט איז דאך א גאסט פלאץ, און די קבר איז די עכטע הויז. די הויז וואס מען האט ביז די קבר איז די גאסט הויז, האבן זיי דיך אנגעוואונטשן זאלסט לאנג לעבן. און דיין טיש זאל ווערן איבערגעדרייט מיינט - זאלסט האבן קינדער וואס זיי זאלן איבערדרייען.

<<<<

האט דער ראש ישיבה אויסגעפירט אז מען זעט פון די גמרא אז לעבעדיגע קינדער וואס דרייען איבער די טיש איז א ברכה, זיי האבן אים געווינטשן לבלבל פתורך", די טיש זאל זיין איבערגעדרייט, מענטשן מיינען אז א שטוב איז א מעזיום מען טאר נישט ריקן קיין בענקליך מען טאר נישט גיין מען טאר נישט קומען, מען טרייבט די קינדער דא מען דרייבט די קינדער דארט, בשעת קינדער איז א ברכה קינדער איז מתנות פונעם אייבערשטן.

איך האב באמערקט אז נאך די זופ זענען אלע קינדער צוביסלעך געגאנגען שפילן, אבער ווען דער ראש ישיבה האט געזאגט אז מען גייט פארציילן די מעשיות פון תפילה, זענען זיי שנעל צוריקגעקומען. דער ראש ישיבה האט פארגעליינט הויך די מעשיות פון תפילה פון חדר און סקול, און עס איז געשטאנען אז איינער פון דער ראש ישיבה'ס קינדער האט געבעטן דעם אייבערשטן אז זיין טאטע זאל האבן א קאר.

האט דער ראש ישיבה געזאגט: "איך האב א גאנצע קאמפעני וואס ווען איך דארף א קאר, קלינג איך זיי אן און גלייך שיקן זיי א קאר פאר מיך." איך דארף מיך נישט זארגן וועגן טיקעטס, אדער פארקינג, אדער פאררעכטן די קאר, אלעס טוען זיי פאר מיך, און זיי שטעלן מיך אפילו צו א דרייווער." האט איינער געפרעגט וואס הייסט? האט דער ראש ישיבה געענטפערט: "ער קלינגט אריין די קאר סערוויס קאמפעני און זיי שיקן אים א קאר..."

האט דער ראש ישיבה גערעדט פון דעם אז אזוי איז מיט יעדע זאך וואס מען וויל האבן, אז איינער וויל טרינקען סעלצער וואלט ער ווען געדארפט אליינס גיין שעפן וואסער און מאכן פון דעם סעלצער. אדער אז איינער וויל האבן א הוט, וואלט ער געדארפט אליינס גיין כאפן די חי' און מאכן פון דעם א הוט. ש'כח אייבערשטער מען קען אריינגיין צו א הוט סטאר, וואס זיי ארבעטן שוין שווער צו מאכן די הוט, און זיי צאלן אביסל געלט און זיי געבן דיר א פארטיגע הוט. ס'איז א נייע מין וועג פון טראכטן, אזויפיל מענטשן ארבעטן שווער, אלעס פאר מיר.

נאכדעם האט דער ראש ישיבה ווייטער פארציילט די מעשיות פון תפילה פון די קינדער, און דער ראש ישיבה האט אויך פארציילט פאר די קינדער א שיינע מעשה.

איינמאל איז דער בעל שם טוב געגאנגען שפאצירן אין וואלד מיט זיינע תלמידים, און אינמיטן האט אנגעפאנגען זייער שטארק צו רעגענען. זיי האבן געזוכט א פלאץ וואו זיך צו באשיצן פון די רעגן, אינמיטן האבן זיי געזען א שיינע פאלאץ, זיי זענען אריין אינעווייניג, און דארט האבן זיי געווארט ביז די רעגן האט זיך אויפגעהערט. שפעטער האט דער בעל שם טוב זיי געזאגט אז דער פריץ האט געמיינט ער האט געבויעט דעם פאלאץ פאר זיך, אבער עכט האט דער אייבערשטער געמאכט דער פריץ זאל בויען דעם פאלאץ, נאר ווייל מיר וועלן אמאל שפאצירן אין דעם וואלד און עס וועט רעגענען, זאלן מיר קענען דא זיין באשיצט פון די רעגן.

דער ראש ישיבה האט פארציילט ווי אזוי ער איז מקורב געווארן צו מוהרא"ש זי"ע, אז ר' נתן יאקאבאוויטש שליט"א האט אים איינמאל געגעבן א ספר "אשר בנחל", און שפעטער האט ער געזאגט פאר'ן ראש ישיבה אז מוהרא"ש האט אים דעמאלטס געהייסן גיין הפצה צו יענע שול, און דארט האט ער טאקע געטראפן דעם ראש ישיבה. האט איינער געפרעגט אויב דער ראש ישיבה האט נאך יענע "אשר בנחל" פון וואס ער איז מקורב געווארן, האט דער ראש ישיבה געזאגט אז עס ליגט ביי איינע פון זיינע שוואגערס, און יענער פלאנט עס איין טאג צו פארקויפן פאר אסאך געלט.

דער ראש ישיבה האט פארציילט אז איינער איז געקומען צו מוהרא"ש זאגן אז ער האט צו פארקויפן א "ליקוטי מוהר"ן" פון די ערשטע דרוק, א אלטע ספר מיט צוקראכטע אותיות. האט אים מוהרא"ש געפרעגט: "פארוואס דארף איך עס? איך האב דא די נייעסטע דרוק, עס האט אזעלכע שיינע גרויסע אותיות, וואס דארף איך פון דעם ערשטן דרוק?" האט דער ראש ישיבה געפרעגט: "דו דארפט יענע "אשר בנחל" פון וואס דער ראש ישיבה איז מקורב געווארן? נעם א "אשר בנחל" און הייב עס אן צו לערנען!

נאכדעם האט מען געזינגען זמירות און מען האט געבענטשט. ש'כח אייבערשטער אז איך האב געהאט די זכי' צו מיטהאלטן אזא הערליכע סעודה ביים ראש ישיבה שליט"א



# קִינְדֶער אָפְּטֵיילוּנְג

## דִי פִּישֶׁעלֶעךְ טַאנְצְן אַרַיין אִינֶעם שִׁיף

ווּאוּ הָאט דֶער רֶבִּי חֲתוּנָה גֶעהַאט, וֶוער וֵוייסְט?

דֶער רֶבִּי הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט אִין אַ קְלֵיין שְׁטֶעטְל אוּסְיַאטִין; דָארְט הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זֵייעֶר אַסַאךְ גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר פְּלֶעגְט גֵיין אִין שְׁטִילֶע פְּלֶעצֶער ווּאוּ קֵיינֶער גֶעפוּנְט זִיךְ נִשְׁט, דָארְט פְּלֶעגְט עֶר אַסַאךְ רֶעדְן אוּן שְׁמוּעֶסְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר פְּלֶעגְט זֵייעֶר אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין זַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט צוּ אַ גוּטֶער חָבֵר, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אִים הֶעלְפְן עֶר זָאל וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק, עֶר זָאל נִשְׁט טוּן קַיין זַאכְן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל נִשְׁט, עֶר זָאל טוּן נָאר מִצְוֹות אוּן גוּטֶע מַעֲשִׂים.

דֶער רֶבִּי אִיז דֶעמָאלְט נָאכְנִישְׁט גֶעוֶוען בַּאוואוּסְט, קֵיינֶער הָאט נִשְׁט גֶעוִויסְט אַז דֶער רֶבִּי דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דֶער קְלֵיינֶער נַחְמָן הָאט גֶעזוּכְט אַ פְּלַאץ ווּאוּ קֵיינֶער וֶועט אִים נִשְׁט קֶענֶען זֶען, בִּיז עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט אַז עֶר גֵייט אַרִיבֶּערְגֵיין דֶעם טַייךְ, זִיךְ דָארְט בַּאהַאלְטְן.

אִין דִי שְׁטֶעטֶעלֶע אוּסְיַאטִין לוֹיפְט אַרִיבֶּער אַ וַואסֶערְל, אַ קְלֵיינְטְשִׁיגֶע טַייךְ; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהַאט אַ קְלֵיינֶע שִׁיפֶּעלֶע, עֶר פְּלֶעגְט אַרִיבֶּער שְׁווִימֶען צוּם אַנְדֶערְן זַייט בְּרֶעג, דָארְט הָאט עֶר גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט גֶעדַאוֶונְט, גֶעלֶערְנְט אוּן זִיךְ אַסַאךְ מִתְבּוֹדֵד גֶעוֶוען.


שְׂכוֹחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַּאר דִי פִּישֶׁעלֶעךְ!

וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז גֶעשְׁווִימֶען מִיטְ דִי שִׁיפֶּעלֶע הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל גֶעשֶׁען אַ נֵס, עֶס זָאלְן אַרַיינְטַאנְצְן אַפָּאר פִּישֶׁעלֶעךְ אִינֶעם שִׁיפֶּעלֶע; עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ רֶעד צוּ דִיר אַזוֹי סַאךְ, אִיךְ וִויל זֶען אַז דוּ הֶערְסְט מִיר אוֹיס, בַּאוַוייז זִיךְ פַאר מִיר; אִיךְ בֶּעט יֶעצְט עֶס זָאל גֶעשֶׁען אַ נֵס, דִי פִּישׁ זָאלְן אַרַיינְקוּמֶען אִינֶעם שִׁיף", פְּלוּצְלוּנְג זֶעט דֶער רֶבִּי וִוי פִּישׁ הֵייבְּן אָן אַרַיינְטַאנְצְן אִינֶעם שִׁיף; דָאס הָאט שְׁטַארְק גֶעמַאכְט דֶעם רֶבִּי'ן עֶר זָאל וַוייטֶער בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט גֶעזֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט אוֹיס זַיינֶע תְּפִילוֹת.

טֵייעֶרֶע קִינְדֶער, לָאמִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער בַּאוַוייז זִיךְ פַאר מִיר, וַוייז מִיר וִוי דוּ הֶערְסְט אוֹיס מַיינֶע תְּפִילוֹת!"

קִינְדֶער, מֵיינְט נִשְׁט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט נִשְׁט אוֹיס אַייעֶרֶע תְּפִילוֹת, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט אוֹיס יֶעדְן אֵיינֶעם, "כִּי אַתָּה שׁוֹמֵעַ תְּפִילַּת כָּל פֶּה" - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט אוֹיס יֶעדְנְ'ס גֶעבֶּעט; מֶען דַארְף גְלֵייבְּן אִין דֶעם, דֶעמָאלְט זֶעט מֶען גְרוֹיסֶע ווּאוּנְדֶער.

# טרעף

די פאלגנדע ווערטער 3 מאל

## הייליגער באשעפער באווייז זיך פאר מיר ווייז מיר ווי דו הערסט אויס מיינע תפילות

| | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| נ | ר | מ | ק | ב | ס | צ | ג | ת | ת | ש | י | ש | ו | י | ר | ז | ה | כ | ת | ז | פ | ב | ט | ב | ק | ל | ד | ל | י |
| מ | ה | ו | פ | ק | ע | ב | פ | פ | נ | ש | ל | ר | ד | ל | י | י | כ | פ | צ | פ | א | פ | א | ס | ד | ש | א | ז | י |
| ז | ת | נ | א | ו | ס | י | ד | י | ע | צ | ס | א | ל | י | א | מ | מ | נ | פ | ש | ג | ג | כ | ק | ק | ב | י | א | א |
| כ | י | ת | ב | כ | ל | ק | מ | ל | ה | ר | פ | פ | ו | ה | מ | י | י | נ | ע | ס | י | ו | א | ר | ב | ר | ח | א | צ |
| ג | ג | נ | ע | ו | נ | י | ז | ו | ב | ר | מ | ו | ח | י | ל | ט | ד | פ | ת | ג | ד | ח | ט | כ | ת | ח | ב | נ | ז |
| פ | ש | ד | ת | ג | ג | מ | ס | ת | י | צ | א | ד | ח | ט | ס | ר | ע | ה | ש | נ | ה | י | י | ל | י | ג | ע | ר | ק |
| צ | א | ד | י | ו | צ | כ | ז | מ | ז | ב | ד | ד | ו | ר | ק | ר | ב | ט | ת | ו | ק | ב | ט | ז | ת | ח | ד | ז | ה |
| ל | מ | ר | ו | ל | ד | פ | ה | י | י | ל | י | ג | ע | ר | ז | ז | ז | ב | ה | ב | ה | א | ע | ו | ו | ב | צ | י | ה |
| ו | ו | י | ב | פ | מ | נ | ת | ע | כ | מ | ר | ה | ע | ר | ו | מ | י | נ | י | א | מ | ש | ו | מ | ס | ל | י | י | ת |
| ל | י | ט | ר | י | י | ז | א | ג | ה | י | פ | ש | ג | ב | ו | ט | י | ה | ה | ש | י | ע | ב | צ | מ | ל | נ | ו | ש |
| ז | כ | ה | ז | א | ר | ל | ו | ט | י | ר | י | ז | ה | ח | ב | ק | ו | י | מ | ע | י | פ | ו | ק | י | י | מ | ו | ו |
| ו | ו | י | י | ז | פ | ס | ו | ס | ב | פ | ט | ו | י | י | ב | ס | ו | ז | נ | פ | נ | ע | ג | ג | ג | ת | ר | א | י |
| ת | ת | ר | ד | ד | מ | ז | י | כ | מ | נ | ע | ו | ו | פ | מ | כ | א | א | פ | ע | ע | ר | ע | י | ו | ד | ת | ב | ק |
| ו | פ | ו | כ | ת | פ | י | ל | ו | ת | א | נ | י | ד | ג | ש | ב | ב | ל | כ | ר | ק | ר | ו | מ | ס | ק | ז | ש | ל |
| ל | ז | י | כ | ס | ע | ה | ר | ת | א | ש | א | ג | ב | א | צ | ק | צ | י | י | ת | ז | ע | ז | ו | ה | כ | צ | נ | ת |








העלף נחמן נתן אנקומען צו לערנען די הייליגע ספר עֲצָתוֹ אֱמוּנָה!



# א שיעור מיטן רבי'ן

## אמת

**יב. תִּקּוּן לַפֶּה שֶׁיִּתֵּן צְדָקָה.**

**טייטש.** גֶעבְּן צְדָקָה, אִיז אַ תִּיקּוּן פַאר דִי מוֹיל. [צוּ פַארְרֶעכְטְן וָואס מֶען הָאט גֶענוּצְט דִי מוֹיל נִישְׁט וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין]

# סודאקא

| | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|
| | 3 | | | 1 | |
| 6 | | | | | 2 |
| | | 3 | 4 | | |
| | | | | | |
| | | | 6 | 5 | |
| | | 4 | | | |

| | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| 8 | | | 1 | | 7 | | | 6 |
| | 2 | 1 | | 6 | | 4 | 7 | |
| 6 | | 7 | 3 | | 4 | 1 | | 8 |
| | | | | 9 | | | | |
| | 8 | 3 | | 4 | | 9 | 2 | |
| 2 | 4 | | 7 | 1 | 8 | | 6 | 5 |
| | | 8 | 5 | | 2 | 6 | | |
| 3 | | | | | | | | 7 |
| 9 | 5 | | | | | | 3 | 2 |



# חידות

## אפטיילונג

חַזַ"ל זָאגְן: אויב מען בֶעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶפֶּעס און מֶען זֶעט נִישְׁט דִי יְשׁוּעָה, זָאל עֶר

**וועלכע פון די פיר תירוצים זענען ריכטיג?**

א. אנהייבן דאנקן דעם אייבערשטן

ב. בעטן נאכאמאל

ג. אויפהערן בעטן אויף דעם

ד.תשובה טוהן

**שאלה און ענטפער פון פאריגע וואך:**

**שאלה:** דער הייליגער רבי האט געזאגט: א גוט קאפיטל תהילים איז אזוי ווי א

**ענטפער:** א פאנטש

דער געוואונער פון פאריגע וואך איז

**נחמן נתן סאמעט נ"י - וויליאמסבורג**

שיקט אריין די ענטפערס **מיט אייער נאמען** צו 845-379-1161

# האסטו דורך געלערנט עצתו אמונה פרשת משפטים?

## פון ראכאס צו לינקס.

2. די וואס מאכן _____ פון יענעם, די מאכן חוזק פון אייך אויך
3. אז דו ווילסט _____, זאלסטו בעטן דעם אייבערשטן
6. די איינציגסטע _____ אויף פחדים איז אמונה
7. דער אייבערשטער _____ די וועלט שענער און שענער
8. אלעס וועט ער לאזן דעם מענטש זאל טון, אבי נישט עפענען א _____
9. ווערט נישט צעבראכן פון אנדערע, און ווערט נישט _____ פון אנדערע
10. נישטא נאך א ספר וואס זאל אזוי מחזק זיין ווי _____ _____
13. מען דארף רעדן צו _____ ווען זיי זענען יונג, זיי זאלן זיך אכטונג געבן
16. א תלמיד היכל הקודש איז נאר דער וואס זאגט _____ משניות
17. דער אייבערשטער _____ די וועלט, ער פירט עס הערליך שיין

## פון אויבן אראפ.

1. די בעסטע לייף אינשורענס איז, ווער עס לערנט די _____ יעדע וואך שנים מקרא ואחד תרגום
2. נישטא קיין _____
4. וואלסטו יעדן טאג געלערנט גמרא, וואלסטו געהאט אין דיינע הענט _____ מסכתות
5. יענער באקומט א שמייכל, א _____, אזוי נאנט, און איך באקום גארנישט
8. רעד שיין צו דיין ווייב, וועט אלעס ווערן _____
9. בעט דעם אייבערשטן זאלסט האבן די גוטע _____ פון הכרת הטוב
11. _____ צום אייבערשטן אזוי ווי דו רעדסט צו א גוטער חבר
12. קויף נישט די _____, עס איז א שאד די דאלער
14. ווער עס העלפט דרוקן די ספרים, קען דאס טון פאר _____ ישועות
15. ווען מיין טאטנ'ס מענטשן בענטשן ברכת המזון, בענטשן זיי אויפ'ן _____



# טרעף 10 חילוקים צווישן די צוויי בילדער

## תלמוד תורה היכל הקודש וויליאמסבורג אין די ערשטע יארן





קהל היכל הקודש

קרית ברסלב

# וויכטיגע מעלדונג

אזוי ווי אין די קומענדיגע טעג וועט מען מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף אנהייבן צו בויען א נייע סעריע פון דירות פאר'ן געברויך פון אנשי שלומינו, לויט די יעצטיגע פלענער וועלן די נייע דירות זיין פארטיג מיטן אייבערשטנ'ס הילף אין די ענדע פון די זומער חדשים.

אין די זעלבע צייט דארף גענומען ווערן אין באטראכט אז כדי צו האבן א זכות אין קויפן א דירה און ווערן א חלק פון די קריה, מוז מען איינצאלן די באשטימטע פרייז וואס איז ארויפגעלייגט געווארן דורך די הנהלה, וואס מיט דעם טוט מען צושטעלן אלע געברויכן וואס א אידישע שטעטל דארף האבן.

עס קען ווערן איבערגעגעבן פאר חבר הנהלת הקריה

**מוה"ר ר' מרדכי אהרן היילפרין נ"י**

די פרייז פון האבן די זכות צו קויפן א דירה אין שטעטל איז לעת עתה $10,000 און עס וועט געהעכערט ווערן צו $15,000 אנגעהויבן פון ראש חודש ניסן תשפ"ב הבעל"ט.

החותם בשם הנהלת הקריה

**אברהם משה שטראססער**

181 Huschke Rd. Hurleyville NY 12747 • kiryasbreslevliberty@gmail.com • 845-640-4024

# בילדער
## אפטיילונג






דער ראש ישיבה באזוכט אין בית המדרש אשר בנחל



דער ראש ישיבה באזוכט בית המדרש אויף מארקס



אין א שמועס מיט כיתה ט' און די מלמדים



ביים דאווענען מנחה אין כיתה ט'



אין א שמועס מיט די מלמדים - אחים שניטצלער



ביים באזוכן אין לאנטש רום בשעת די קינדער עסן

# בילדער
## אפטיילונג






עס קומט אן די טישן פארן מצה בעקעריי אין שטעטל




דער אויווען פארן מצה בעקעריי כמעט געענדיגט





דער דיין שליט"א ביים געבן א שיעור אין הלכות טהרה פאר די אינגעלייט אין שטעטל - א' משפטים תשפ"ב



ביים קלאפן מזוזה אין שטוב פון ר' יוסף שניטצלער הי"ו



בר מצוה אין ישיבה פון אליעזר שלמה נ"י בן ר' יוסף חיים מזרחי הי"ו - א' משפטים תשפ"ב



# בילדער
## אפטיילונג





מלוה מלכה אין שטעטל - מוצאי שבת קודש פרשת משפטים תשפ"ב



אינגעלייט אין שטעטל רעגעסטרירן זיך צו קענען שטימען



אבות ובנים גורל אין היכל הקודש וויליאמסבורג - מוצ"ש יתרו



נר תמיד פאר'ן רבי'ן, רבי נתן, מוהרא"ש, אין בית המדרש היכל הקודש ירושלים



בית המדרש היכל הקודש בית שמש - מוצ"ש משפטים

# בילדער ארכיוון

## מוהרא"ש זי"ע
## באזוכט אין ישיבה
## ב' תרומה תשע"ב



ביים דאווענען מנחה אין ישיבה



מוהרא"ש זי"ע ביים געבן דעם שיעור



די בחורים הערן צו צום שיעור



אויך די עלטערע קינדער האלטן מיט דעם שיעור



מוהרא"ש זי"ע ביים ארויסגיין נאכן שיעור



אין די קאר אויפן וועג אהיים

בס"ד

# א סעודה



# ווי ביים סדר

פאלגט נאך...